ב"ה

# טֶעראָפּי

- ענקזייעטי
- דיפרעסיע
- פאביעס
- עדיקשאנס
- או.סי.די.
- פאניק אטאקעס
- סעלף קאנפידענס
- א.ד.ג.

גליון 56

געקליבענע בריוון פון ספר עצתו אמונה - ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב - בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## ווי אזוי גייט מען ארויס פון חובות?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*קודם כל א גרויסן יישר כח פאר אלע שיעורים, איך בין זיך מחיה און איך לעב מיט די דרשות, איך האב ב"ה אנגעהויבן לערנען, איך לערן יעדן טאג חומש, א דף גמרא אין ש"ס כסדרן, אביסל תהלים און אפאר פרקים משניות.*

*איך ארבעט זייער שווער פון צופרי ביז ביינאכט, און דאס דאווענען מיט מנין קומט מיר אן זייער שווער, ממש מיט מסירות נפש, און די איינציגסטע זאך וואס איז מיר מחזק איז דאס וואס דער ראש ישיבה שליט"א זאגט אז דאס דאווענען מיט מנין ברענגט דבר שבמנין, דאס ברענגט געלט.*

*איך זע אבער אז ביי מיר ארבעט עס נישט, איך האב חתונה געהאט קיים עטליכע יאר צוריק, און איך האב שוין צוועלף טויזנט דאלער חובות. איך האב געהערט א שיעור איבער די שעדליכקייט פון קרעדיט קארדס, און איך האב טאקע צוגעמאכט אלע קארטלעך, אבער איך קען נישט דעקן מיינע הוצאות.*

*זעענדיג אז איך בין סיי ווי אנגעזעצט מיט חובות, פארליר איך די חשק צו דאווענען מיט מנין. איך דארף חיזוק אויף דאווענען מיט מנין, און א וועג ווי אזוי ארויסצוגיין פון חובות.*
*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת מקץ, כ"ו כסליו, נר ב' דחנוכה, שנת תשע"ט לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

### וואס מען איז זוכה ווען מען דאווענט מיט מנין

וואויל איז דיר אז דו גייסט אין שול יעדן טאג דאווענען שחרית, מנחה און מעריב; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות ז:) אויפן פסוק (תהלים סט, יד): "**וַאֲנִי תְפִלָּתִי לְךָ ה' עֵת רָצוֹן**"; "**אֵימָתַי עֵת רָצוֹן?**" ווען איז אן עת רצון, "**בְּשָׁעָה שֶׁהַצִּבּוּר מִתְפַּלְּלִין**", ווען דער ציבור דאווענט; ווען מענטשן וואלטן געוויסט וואס מען איז זוכה ווען מען דאווענט מיט מנין וואלטן אלע מקפיד געווען אויף דעם זייער שטארק.

### דער אייבערשטער פרעגט זיך נאך אויף אים

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תענית ח.): ווען מען דאווענט מיט מנין נעמט דער אייבערשטער אן די תפילות אפילו מען האט נישט אינזין וכו'; נאך זאגן חכמינו זכרונם לברכה (ברכות ו:): "**כָּל הָרָגִיל לָבֹא לְבֵית הַכְּנֶסֶת וְלֹא בָּא יוֹם אֶחָד הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַשְׁאִיל בּוֹ**", ווען א מענטש קומט יעדן טאג אין שול און ער פארפעלט אמאל צו קומען, פרעגט זיך דער אייבערשטער גלייך נאך אויף אים: "וואו איז דער מענטש, וואס איז מיט אים אז ער איז נישט געקומען היינט אין שול?" און דער אייבערשטער העלפט אים; זעט מען פון דעם אז ווען מען דאווענט מיט מנין איז מען ממשיך די השגחה אויף זיך, דעריבער בעט איך דיר שטארק זיך ווייטער צו דאווענען מיט מנין, זיי נישט מזלזל אין דעם, וועסטו זוכה זיין צו האבן שפע.

### חובות איז זייער א שלעכטע זאך פארן מענטש

בענין דיינע חובות וכו'; בעט דעם אייבערשטן דו זאלסט זוכה זיין ארויס צו גיין פון דיינע חובות ווייל חובות איז זייער א שלעכטע זאך פארן מענטש. דער רבי זאגט (ספר המידות, אות ממון, סימן עז): "**מִי שֶׁעוֹשֶׂה מַעֲשָׂיו בִּמְהִירוּת בְּלִי יִשּׁוּב הַדַּעַת נַעֲשֶׂה בַּעַל חוֹב**", ווער עס טוט זאכן שנעל אן ישוב הדעת ווערט א בעל חוב; נאך זאגט דער רבי (ספר המידות, אות תשובה, סימן מו): "**מִי שֶׁרוֹצֶה לָשׁוּב יִזָּהֵר מִלִּהְיוֹת בַּעַל חוֹב**", ווער עס וויל תשובה טון זאל זיך היטן פון זיין א בעל חוב.

### מען זאל אנהייבן באצאלן צוביסליך

מוהרא"ש האט אונז געלערנט א וועג ווי אזוי ארויס צו גיין פון חובות, אז מען זאל אנהייבן באצאלן צוביסליך; דעריבער אז דו ווילסט באמת ארויסגיין פון דיינע חובות זאלסטו אזוי טון, הייב אן באצאלן דיינע חובות צוביסליך וועסטו קענען אלעס באצאלן. דאס איז בדוק ומנסה, אבער א מענטש טראכט: 'איך האב א חוב פון הונדערט טויזנט דאללער, ווי וועל איך דאס קענען באצאלן?' און דערפאר באצאלט ער גארנישט, ער גייט נאר אריין טיפער אין חובות וכו' וכו', אבער אז מען צאלט צוביסליך - נאך אביסל און נאך אביסל - ענדיגט מען מיט אלע חובות.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## דורך די שיעורים האב איך אויפגעהערט זיך שעמען מיט מיין טאטע

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך האב געהאט א שבת שבע ברכות, און מיין טאטע האט א מנהג אז ווען ס'קומט צו א משפחה שמחה ווי למשל א שבת שבע ברכות, ברענגט ער זיך מיט אלע זיינע זאכן, ווי זיין וויין (נישט מבושל), זיין מעסער (און ציינער), זיין בעכער (אלס מהודר), הדסים צו שמעקן (וועגן אלע סגולות וואס עס האט אין זיך), און ער בענטשט די קינדער (אזוי ווי ער טוט אינדערהיים), און אזוי ווייטער.*

*פאר איך בין מקורב געווארן פלעג איך זיך באגראבן פאר בושה, איך פלעג זוכן א לאך זיך צו באהאלטן, עס איז מיר געווען בזיונות, איך פלעג זיך שעמען מיט מיין טאטע, נאכדעם פלעגט עס אויספלאצן.*

*אבער מיט די גרויסע חסדים פונעם אייבערשטן האב איך אנגעהויבן אויסצוהערן די שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א, וואס האט מיר געמאכט איך זאל זיך שוין נישט שעמען מיט מיין טאטע, איך האב שוין נישט קיין פראבלעם צו זיצן נעבן אים ביי די שמחה.*

*איך האב אפילו אים אריינגעברענגט זיינע זאכן, איך האב זיך געלאזט בענטשן אפילו ס'איז געווען אביסל הייסע בושות, ווען מיין יונגערע ברודער האט זיך נישט געלאזט בענטשן.*

*אשרינו שזכינו. ווען מיין טאטע זאל ווען וויסן וואס ער האט באקומען פון דער ראש ישיבה, וואלט ער נישט געהאט די ווערטער זיך צו באדאנקען.*

*יישר כח פאר אלעס.*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת משפטים, ל"ו שובבי"ם, כ"ב שבט, שנת תשפ"ג לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

ווען מענטשן וואלטן געוויסט וואס דער רבי לערנט און די שכל וואס מען באקומט ביים רבי'ן - וואלטן אלע געשיקט די קינדער צום רבי'ן; די דרך ארץ וואס מען באקומט ביים רבי'ן איז נישטא אין די גאנצע וועלט.

דער רבי האט געזאגט: **"אִם קֵיסָרִים וּמְלָכִים הָיוּ יוֹדְעִים אֵיךְ אֲנִי מְלַמֵּד אֶת אֲנָשַׁי דֶּרֶךְ אֶרֶץ, הָיוּ שׁוֹלְחִים אֶת בְּנֵיהֶם אֵלַי לִלְמוֹד דֶּרֶךְ אֶרֶץ"**, ווען קעניגן וואלטן געוויסט וואס פאר א דרך ארץ איך לערן אויס פאר מיינע תלמידים - וואלטן זיי געשיקט זייערע קינדער צו מיר איך זאל זיי אויסלערנען דרך ארץ.

### און אלטיטשקן און איינגעבויגענעם, לאכט

נאר וואס דען? דער סמ"ך מ"ם איז גרויס, די כוחות וואס מען האט אים געגעבן איז נישט צו פארשטיין. דער רבי האט דערציילט (ספורי מעשיות מעשה ז', מזבוב ועכביש) איידער זיין נשמה איז אראפגעקומען אויף די וועלט, האט דער סמ"ך מ"ם געשריגן: **"רבונו של עולם, אויב דער נשמה קומט אראפ אויף די וועלט - פארוואס האסטו מיך באשאפן?"** האט מען אים געענטפערט: **"די נשמה מוז אראפקומען אויף די וועלט, דו גיי און זוך דיר אן עצה"**. איז ער אוועקגעגאנגען און שפעטער איז ער צוריקגעקומען מיט אן אלטיטשקן און איינגעבויגענעם, זיי האבן געלאכט און געזאגט: **"די נשמה קען שוין אראפגיין, מיר האבן שוין אן עצה"**.

### אויף אזא איינעם קריג איך אויך

מוהרא"ש זכרונו לברכה שרייבט (בספר נהרי אפרסמון): **"וואס איז זייער עצה, וואס זיי האבן זיך געטראפן? לאכן, מען לאכט פונעם רבי'ן און מען שפעט אפ פון א ברסלב'ער חסיד"**, דאס מאכט אז עלטערן זאלן נישט לאזן די קינדער אנקומען צום רבי'ן, עלטערן ציטערן אז די קינדער וועלן אנקומען צו א שלעכטע פלאץ.

דער רבי האט געזאגט (שיחות הר"ן, סימן קפב): "עָלַי אֵין חוֹלְקִים כְּלָל, רַק הֵם חוֹלְקִים עַל מִי שֶׁעָשָׂה כָּךְ, כְּמוֹ שֶׁבּוֹדִים הַחוֹלְקִים עָלָיו, וְעַל אִישׁ כָּזֶה בְּוַדַּאי רָאוּי לַחֲלֹק", אויף מיר קריגן זיי נישט, זיי קריגן אויף איינעם וואס מען זאגט אויף אים די אלע לשון הרע'ס, און אויף אים דארף מען קריגן, אויף אזא איינעם קריג איך אויך; דער רבי האט געזאגט: **"זֵייא הָאבְּן זִיךְ אוֹיס גִּישְׁנִיצְט אַ מֶענְטְשׁ, אִין קְרִיגְן אוֹיף אִיהם"**, אויף אים קריג איך אויך.

### אז מען לאכט - איז וואס?

היכל הקודש איז א פלאץ וואו מען לערנט דרך ארץ, מען לערנט שכל. אז דיין טאטע וויל מאכן זיינע מנהגים - וואס האט דאס מיט דיר? וואס דארפסטו זיך שעמען? און אז מענטשן שמייכלען פון דיין טאטע - איז וואס? און אז מען לאכט - איז וואס? מען ווערט נישט גרעסער ווען מענטשן האלטן יא פון אים און מען ווערט נישט קלענער אויב מען לאכט, דער עיקר דארף מען טון רצון השם.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

**מען ווערט נישט גרעסער ווען מענטשן האלטן יא פון אים און מען ווערט נישט קלענער אויב מען לאכט, דער עיקר דארף מען טון רצון השם**

**דער וואס וויל נישט ליידן אביסל, ליידט אסאך**
**ווי אזוי קען מען זאגן "ניין" פאר א מענטש?**
**קיינער קוקט נישט אויף מיין זייט, ווי אזוי קען איך זיך דערהאלטן?**
*קוקט ארויס אויף די קומענדיגן גליון בעז"ה!*

צו באקומען די גליון וועכענטליך אויף אימעיל,
טעקסט אייער אימעיל אדרעס צו: 347.651.1218
אדער שרייבט צו: trpy458@gmail.com
**קול ברסלב 212.444.9191 / בא"י 0797040066**